מיט זייער קליינפּאַרדינערישקייט, האָט ער באַהאַלטן אין די קעשענעס (בלויז 18 לירעס אָדער 18 דאָלאַר, 18 רייכיש אָדער 18 רובל, 18 פראַנק אָדער 18 גולדן א וואָך).

גייען מיר ארויף טאַנצן? איז ער צוגעקומען צו איר. (פון אויבן טאַ־טאַ, טאַ־טאַ. און דער העלפאַנט טאַ־טאַ, און דער דאָקטאָר — אומבאַדינגט און די נאַכט זוכט, נישטערט.)

אָבער אריין אין גן־עדן האָט געקאָסט א האַלבע מטבע און זיינע קעשענעס זענען געוועזן עדות אויף זיין גוטן ווילן. האָבן זיי שפּאַצירט איבער דער נאַכטיקער פייכטקייט און דערגאַנגען אזוי ביז צו די דאַקס.

דאָרט האָט די נאַכט, די באַשיצערן, פאַר זיך און פאַר בלודנע בלום־פאַרוואַנדטע, אוועקגעשטעלט א שפּאַניש ווענטל פון נעפּל צווישן זיך און דער שטאָט.

— אין גאָט'ס ווילן וואָס —

מיר ווייסן ניט, וואָס עס איז געשען.

---

יצחק אלחנן ראָנטש.

ז. וויינפער

## פלאַבלאַנד

גיי קלעטער דאָ אויף הויכע בערג,
אז ארום דיר איז פלאַבלאַנד גאַנצע מיילן.
די פיס אהינטער זיך דאָ, ווי א טערק,

## אין געראַנגל

וואָס העכער ס'רייסט געשאָמע זיך צו רוימען,
אלץ טיפער זינקט זי גוף אראָפּ.
ווען טייוועס ברויזן זיך און שוימען,
דאַן פאַלט געשאָמע ווי א סנאָפּ.